# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת קרח תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 488



בני אמונים מתחזקים בעניית אמן

לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק

פקס: 03-5055919

9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א רוף מען זאל אויפשטיין

"וַיְדַבֵּר אֶל קֹרַח וְאֶל כָּל עֲדָתוֹ לֵאמֹר בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ וְאֶת הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו וְאֵת אֲשֶׁר יִבְחַר בּוֹ יַקְרִיב אֵלָיו" (טז ה)

אין יאר תש"מ, אין זיין קביעות'דיגן שיעור אויף פרשת השבוע, האט דער **צאנז-קלויזענבורגער** רבי, בעל 'שפע חיים' דערציילט:

ווען איך האב געגעסן קעסט ביי מיין שווער דער 'עצי חיים' פון סיגעט, האט דארט געוואוינט א עלטערער איד, זייער א ערליכער און א געוואלדיגער מתמיד מיטן נאמען רבי נטע, א זידיטשויבער חסיד. דער איד האט מיר אמאל פארציילט מסיח לפי תומו אז יעדן אינדערפרי הערט ער אינמיטן שלאף א רוף וואס רופט אים ביים נאמען און וועקט אים אויף פון זיין שלאף צו עבודת הבורא.

מיט דעם האט דער רבי ערקלערט די כוונה פון דער פסוק: "בֹּקֶר וְיֹדַע ה'", הקב"ה איז מודיע און מעורר יעדן אינדערפרי "אֶת אֲשֶׁר לוֹ" - דער וואס איז זוכה אז דער נאמען פון ה' זאל אויף אים גערופן ווערן. האט דער רבי צוגעלייגט און מעורר געווען: אויך דער וואס איז נישט זוכה מען זאל אים פון הימל מעורר זיין, פון דעסטוועגן "ווען ה' יתברך ברוב רחמיו געבט אים צוריק זיין נשמה און ער עפנט זיינע אויגן באלד אינדערפרי, וויאזוי קען ער ווייטער שלאפן? אויף אים זאגט דאך דער פסוק (יונה א ו): 'מַה לְּךָ נִרְדָּם קוּם קְרָא אֶל אֱלֹקֶיךָ אוּלַי יִתְעַשֵּׁת הָאֱלֹקִים לָנוּ וְלֹא נֹאבֵד'!"

'שפע חיים' חלק יח עמ' מג

### דאס דאווענען איז נישט אנגעהאנגען אין קיין פלאץ

"וַיַּקְרֵב אֹתְךָ וְאֶת כָּל אַחֶיךָ בְנֵי לֵוִי אִתָּךְ וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם כְּהֻנָּה" (טז י)

דער רבי ר' בונם מפשיסחא טייטש אז די סיבה פארוואס קרח האט אנגעהויבן זיך קריגן און געפאדערט מען זאל אים אויפנעמען אלס כהן גדול, איז געווען צוליב זיין השתוקקות צו דאווענען אין קודש הקדשים. אבער ער האט נישט געוואוסט אז כדי אנקומען צו די דרגה פון די תפילה פונעם כהן אין קודש הקדשים פעלט נישט אויס מען זאל דוקא דארט דאווענען, נאר פון יעדע פלאץ קען מען צוקומען צו די דרגה פון אזא תפילה.

דער בעל 'שפתי צדיק' פון פילץ ברענגט צו וואס דער **קאזניצער מגיד** האט געזאגט אז אויך ווען דער כהן גדול איז נישט פאסיג געווען צו זיין פאסטן, איז זיין עבודה אין קודש הקדשים געווען לרצון צוליב די עבודה פון די צדיקי הדור, און פון דא זעהט מען אז נישט דער ארט וואו מען דאווענט איז דער עיקר.

'שפתי צדיק' אות ח; 'עבודת ישראל יום הכפורים'

### דורך די עשירות ווערט מען געראטעוועט פון א מגפה

"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן קַח אֶת הַמַּחְתָּה וְתֶן עָלֶיהָ אֵשׁ מֵעַל הַמִּזְבֵּחַ וְשִׂים קְטֹרֶת וְהוֹלֵךְ מְהֵרָה אֶל הָעֵדָה וְכַפֵּר עֲלֵיהֶם כִּי יָצָא הַקֶּצֶף מִלִּפְנֵי ה' הֵחֵל הַנָּגֶף" (יז יא)

אין זיין פירוש אויף דער פסוק ברענגט **רש"י** די גמרא (שבת פט א) אז ווען משה איז ארויף אין הימל מקבל זיין די תורה האט דער מלאך המוות אים אנטפלעקט די סוד פון קטורת צו קענען אפשטעלן די מגיפה. אויסער די סגולה זאגן אויך חז"ל (יומא כו א) אז קטורת איז אויך א סגולה צו עשירות.

האדמו"ר **רבי מאיר שפירא מביקאוווסק** טייטש אז איין טובה איז פארבינדן אין די צווייטע, דאס מיינט צו זאגן: די סיבה פארוואס קטורת האלט אפ די מגיפה, איז ווייל עס ברענגט רייכטום. ווייל די חכמים זאגן אז ווען הקב"ה איז משפיע זעטיגקייט אויף דער וועלט, ווערט ממילא בטל די גזירה פון מגיפה, ווייל הקב"ה געבט זעטיגקייט נאר כדי מענטשן זאלן לעבן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים קמה טז): "פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן".

'אור למאיר'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### זאגן 'ברכות השחר' בשלימות

אין די פריערדיגע אטיקלען האבן מיר צוטירט די ווערטער פון די קדמונים וואס ערקלערן אז דער מנהג פון זאגן ברכות השחר מיט א חברותא, איז געבויעט אויף די תקנה פון די חכמים מען זאל ענטפערן יעדן טאג 'תשעים אמנים' אויף ברכות. לויט דעם קומט אויס אז דער מנהג איז געגרינדערט געווארן צו העלפן פאר די וואס הערן די ברכה וואס ענטפערן אמן, און נישט צוליב די טובה פון דער וואס זאגט די ברכות.

אבער עס איז קלאר, אויך אויב עס איז ריכטיג אז דאס איז טאקע דער ענין, נעמט עס אבער נישט אוועק פון דער חשיבות פון דער מברך, ווייל 'זיכוי הרבים' איז א געוואלדיגער ענין, און אויב ענטפערן אמן איז א גרויסער ענין, איז זיכוי הרבים אויף ענטפערן אמן, אויך א גרויסער ענין. און דער 'פלא יועץ' (ערך מזכה) שרייבט אין דעם ענין זייער קלארע ווערטער: "דער וואס זאגט די ברכות הויעך אויפן קול כדי מזכה צו זיין די צוהערהער מיט ענטפערן אמן ווערט ער גערעכנט צווישן די מזכי הרבים, וואס אויף זיין זאגן די חכמים (אבות ה יח): "כל המזכה את הרבים - אין חטא בא על ידו", **און לויט די גרויסקייט פון די מצוה ווערט גרעסער דער שכר פון דער מזכה...**"

אבער אויסער דעם, דארף מען וויסן אז דער שורש פון דער מנהג ליגט אויך באהאלטן אין די געוואלדיגע תועלת וואס דער מברך האט אלס רעזולטאט פון דעם. ווייל עס איז באקאנט אז ענטפערן אמן איז משלים און מחשיב די ברכה, לויט דעם קומט אויס, אז דער וואס איז מהדר צו זאגן זיינע ברכות ווען עמיצער ענטפערט נאך זיי אמן, אויסער וואס ער איז מזכה דעם אנדערן מיט ענטפערן אמן, העלפט ער אויך פאר זיך, ווייל דורך דעם איז ער זוכה צו זאגן שלימות'דיגע ברכות.

דער טעם ווערט געברענגט אין הייליגן ספר 'יסוד ושורש העבודה', און אזוי זאגט ער (שער האשמורת פרק י): "די ברכות השחר איז גוט זיי מסדר זיין אין שוהל מיט די איבריגע טייל פון דאווענען, כדי אנדערע זאלן ענטפערן אמן נאך זיינע ברכות, ווייל עס איז זייער גרויס די מעלה פון א ברכה וואס מען ענטפערט אויף דעם אמן". דער 'יסוד ושורש העבודה' זעצט פאר און בויעט זיינע ווערטער אויף די ווערטער פון זוהר (עקב רעא א) אז א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן איז זוכה אין הימל צו באזונדערע באציאונג; די טויערן פון הימל עפענען זיך אויף פאר דעם און דער קול רופט אויס "דאס איז די מתנה וואס פלוני האט געשיקט פארן קעניג!"

און אויב דער כלל איז ריכטיג אין באציאונג צו יעדע ברכה, על אחת כמה וכמה אין באציאונג צו ברכות השחר, וויבאלד זיי זענען די ברכות וואס מיט זיי הייבט מען אן דעם טאג, איז דער וואס וועט זיי זאגן בשלימות, וועט זיכער זוכה זיין צו א באזונדערע סיעתא דשמיא אין אלע ברכות וואס ער וועט זאגן אין דעם טאג אז זיי זאלן געזאגט ווערן בשלימות, ווייל "מצוה גוררת מצוה" (אבות ד ב).

און פון דא גייט ארויס א רוף: לאמיר אלע אנהייבן פרי צו דאווענען בציבור פון אנהייב - פון די ברכות השחר. מיר וועלן זאגן די ברכות פאר די וואס וועלן זיי משלים זיין דורך ענטפערן אמן און מיר וועלן ענטפערן אמן אויף די ברכות פון אונזער פריינד, און ווען מיר וועלן אנהויבן דעם טאג מיט שלימות'דיגע ברכות און איינהאלטן די תקנה פון ענטפערן ניינציג אמנים אזוי ווי חז"ל האבן געהייסן, וועט זיכער זיך עפענען די טויערן פון הימל פאר אונזערע תפילות און מיר וועלן זוכה זיין צו ברכה און הצלחה בכל מעשי ידינו.

**מיט א רוף "מצוה גוררת מצוה"**

**א גוט שבת**

*יעקב דוב מארמארשטיין*

# "ויהיו ידיו אמונה"

די פאלגנד וואונדערליכע געשיכטע איז פארגעקומען פאר עטליכע יאר צוריק אין אמעריקע. פון א געוויסע קעמפ וואס קומט פאר יעדעס יאר אין די זומער וואקאציע אין די ניו יארקער בערג, איז ארויסגעפארן א באס מיט יונגע תלמידים, וועלכע האבן צוליב זייער הצלחה אין זייערע לימודים זוכה צו א ספעציעלע רייזע צום דערנעבנדיגן גן החיות. די קינדער זענען געווען זייער באגייסטערט אין בעפארברייטונג צו די רייזע, זיי האבן שוין נאכגעפרעגט אויף די חיות וואס געפינען זיך אין גארטן, און די ברכות וואס זיי וועלן אפשר זוכה זיין צו זאגן.

אין די מיטאג שעות איז דער באס אנגעקומען צו די טויערן פון די זאא-גארטן, איינער פון די מלמדים איז אראפ צו קלאר מאכן די באצאלונג און די באדינגונגען פונעם באזוך, אבער ער איז צוריק מיט א אראפגעלאזטן פנים. עס האט זיך ארויסגעוויזן אז אין דעם טאג, צוליב א אומגעראכטענע סיבה, איז דער זאא פארמאכט פאר באזוכער. זיי האבן געמוזט זיך אויסדרייען און אוועק פארן.

די מלמדים האבן פרובירט צו טראכטן פון א אנדערע געדאנק, און דערווייל האט זיך דער באס זיך אויסגעדרייט און צוריק געפארן צו דער ריכטונג פון וואו זיי זענען געקומען. בשעת'ן דרייוון האט איינער פון די מלמדים אויפמערקזאם געמאכט פאר א צווייטער מלמד אויף א שילד וואס איז געווען אויפגעהאנגען אויף דער זייט פונעם וועג און האט אנגעוויזן אויף א וועג וואס פירט צו א גרויסער טורמע וואס האט זיך געפונען דערנעבן.

"אפשר זאלן מיר נעמען די קינדער צו באזוכן אין טורמע...", האט דער מלמד איבערראשט מיט


די האריזאנט אין די קעטסקיל בערג אין ניו יארק

זיין פארשלאג, "זיי האבן דאך קיינמאל נישט געזען ווי א טורמע זעט אויס פון אינעווייניג...", "וואס א טורמע?", האט דער צווייטער מלמד זיך געוואונדערט, "וואס עפעס וועלן זיי אונז דארט אריינלאזן?" - האט ער זיך גע'חידוש'ט.

"דאך", האט דער צווייטער געמוטשעט, "אפשר וועלן די וועכטער יא ערלויבן פאר די קינדער צו מאכן א שפאציר אין די טורמע, לאמיר כאטש פרובירן, זעה נאר ווי די קינדער זענען אנטוישט?"

געטראכט און געטוהן, דער באס האט זיך שוין אויסגעדרייט צו די ריכטונג פון דער טורמע, ווען דער ענערגישער מלמד האט מיטגעטיילט די קינדער מיט זיין פלאן. די קינדער זענען באגייסטערט געווארן פון דעם געדאנק, כאטש זיי האבן נישט פארשטאנען פון וואס עס האנדלט זיך...

ווען דער באס איז אנגעקומען צו די טויער פון די טורמע, איז ער אפגעשטעלט געווארן דורך א וועכטער. יענער האט זיך כמעט געווארפן פון געלעכטער אויף די געדאנק פון א באזוך אין טורמע; "אריינלאזן א גרופע קינדער אויף א שפאציר אין טורמע? איר האט נישט מער מאדנע געדאנקען? און אלגעמיין עס קען זיין זייער מסוכן...! פאר ביטע צוריק!"

אבער דער מלמד האט נישט געטראכט צו אויפגעבן, ער האט זיך אומגעקוקט ארום און באמערקט אן אינערליכן שאסיי ארום די ווענט פון טורמע. "נו, אויב מיר קענען נישט אריינגיין אין טורמע, וועלן מיר צום ווייניגסטנס קוקן פון דר°סן... ווער ווייס, אפשר וועלן מיר זען דורך די פענסטער א אידישער ארעסטאנט, א פארווארפענע נשמה וואס נויטיגט זיך אין חיזוק..." - האט ער מיטגעטיילט זיין חבר אין זיין ברען.

צוליב זייער התלהבות האבן זיי נישט באמערקט דעם שילד וואס האט קלאר געמאכט אז דער אריינגאנג צו די וועג איז פארבאטן פאר פרעמדע, נאכמער, די צום ביים אריינגאנג איז געווען אויפגעהויבן, און דער באס איז געפארן אן קיין שטערונגען. די שטימונג ביי די קינדער האט אנגעהויבן בעסער ווערן. דא זעהן זיי אן אמת'ע טורמע. ממש פון דער נאנט.

אין א געוויסע ארט אינמיטן וועג, וואו עס האבן זיך אנגעזעהן די פענסטער פון די טורמע-צעלן, האט דער באס זיך אפגעשטעלט. די קינדער זענען אראפ און דער מלמד האט זיי ערקלערט: "עס קען זיין אין איינע פון די צעלן געפונט זיך א ענלדע אידישע נשמה, וואס דארף האפנ'ס חיזוק, לאמיר שרייען צו די ריכטונג פון יענע אומבאקאנטע נשמה, ווערטער פון חיזוק און אמונה, זינגען לכבוד די נשמה און שטארקן איר גייסט..."

די קינדער וואס זענען באגייסטערט געווארן פון דער געדאנק האבן גלייך אנגעהויבן שרייען צו די מויערן: "טייערע אידן, נישט ווערן פארצווייפלט! דער אויבערשטער איז מיט אייך! מיר דאווענען פאר אייער פרידן! שטארקט זיך אין אמונה, און אינגיכן וועט איר זוכה זיין צו א ישועה!", נאכדעם האבן זיי אנגעהויבן זינגען הויך אויפן קול דעם באקאנטן ניגון - 'נאר אמונה... - וואס ווערט געזונגען אויף די אידישע שפראך: "נאר אמונה, נאר אמונה אין בורא כל עולמים. טייערע אידן, הארציגע אידן, האט'ס אמונה אין בורא כל עולמים. עס וועט אייך גוט זיין, עס וועט אייך וואויל זיין, היינט און אלע מאל, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!"

אינמיטן זינגען האבן די קינדער געקוקט צו די טורמע, ווארטנדיג אויף א ענטפער... און מיטאמאל, אומגלויבליך! דורך איינע פון די שמאלע פענסטער האט מען געקענט זען צוויי הענט שאקלען זיך מיט א התלהבות לויט די נאטן פון די ליד. דאס האט זיי אנגעצינדן צו פארזעצן זייער געזאנג מער שטערקער. א טייל פון זיי האבן ארויסגענומען קאמערעס עס רעקארדירן. אבער א מינוט שפעטער האט זיך אפגעשטעלט די 'שמחה'... א דזשיפ פון טורמע וועכטער האט זיך אפגעשטעלט נעבן זיי אין גרויס אייליניש, און פון דארט איז ארויסגעקומען א אויפגערעגטער וועכטער, וועלכער האט נישט געוואוסט ווי אזוי צו קענען פארדייען וואס ער זעהט מיט זיינע אויגן: "וואס טוהט איר דא?" האט ער געפרעגט מיט צארן, "איר ווייסט נישט אז דאס איז אן ארט וואו פרעמדע טארן נישט אריינגיין?". דער מלמד האט אים פרובירט ערקלערן אז עס האנדלט זיך פון א גרופע אנטוישטע קינדער, וואס זוכן אטראקשאנס... אבער דעם וועכטער האט עס נישט אינטערעסירט. ער האט זיי באפוילן גלייך פארלאזן דאס ארט.

די איבערראשנדע 'רייזע' איז געווען קורץ, אבער עס האט איבערגעלאזט א שטארקער צייכן אויף די תלמידים. זיי האבן שוין נישט געדארפט קיין "פארגיטיגונג". איז עס דען א קליינע זאך אין אייערע אויגן; אזא זכות! צו מחזק זיין א צוקלאפטער איד אין טורמע!

צוויי יאר שפעטער, אין דעם זעלבן קעמפ, האבן די קינדער זיך צוזאמגענומען הערן די פארכאפנדע פערזענליכע געשיכטע פון יוסף, אן ארעסטאנט אין א פעדעראלער טורמע, וועלכער האט נאכן אנטדעקן זיין אידישקייט צווישן די ווענט פון טורמע זוכה געווען אויף א נס באפרייט צו ווערן, אין די בחינה פון 'שיחו בכל נפלאותיו', האט אויף זיך מקבל געווען דערציילן זיין געשיכטע פאר ווי מער אידן עס איז מעגליך.

יוסף האט געשילדערט אלע זיינע שוועריקייטן וואס ער האט דורכגעמאכט אין טורמע, ווען צום סוף איז אנגעקומען דער הויכפונקט פון זיין געשיכטע. "אין לויף פון יארן", האט יוסף דערציילט, "בין איך געווען איין איד צווישן אסאך גויים אין דער תפיסה. איך וואלט נישט געדענקט מיין אידישן אפשטאם אויב מיינע 'חברים' וואלטן נישט זיכער געמאכט מיר עס דערמאנען, נישט אלעמאל אויף א ליבליכן אופן".

"איך בין געווען ווייט און אפגעריסן, ביז יענעם טאג ווען מיינע גוי'שע שכנים האבן מיך גערופן מיט א אייליניש, זאגנדיג, אז אידישע קינדער רופן מיך. איך בין צוגעגאנגען צום פענסטער און טאקע פון דערווייטנ'ס האב איך געהערט די געשרייען פון קינדער וועלכע שרייען צו מיר: "אידן, ווערט נישט פארצווייפלט!' און נאך ענליכע רופן פון מוטיגן און טרייסטן. איך בין געווען שאקירנד און נישט געוואוסט פון וואו דאס אלעס 'פאלט' אויף מיר. דערנאך האבן די קינדער אנגעהויבן זינגען אויף אן אומבאקאנטער שפראך. די געזאנג איז געווען אזוי זיס אז די איינציגסטע זאך וואס איך האב געקענט טוהן עס אויפפלאמען; איך האב אויסגעשטרעקט מיינע הענט אינדרויסן פון די פענסטער און דערמוטיקט די וואס האבן געזונגען.

מיט אמאל האט זיך די געזאנג אויפגעהערט, און איך בין געבליבן מיט א צעבראכן הארץ. עפעס האט זיך געעפנט אין מיין נשמה. און ווען א צייט שפעטער איז אריין א רב אין טורמע און מיך אנגעטראגן צו לייגן תפילין, כאטש פריער האב איך נישט מסכים געווען צו קאאפערירן מיט אים, האב איך דאס מאל מסכים געווען. איך בין אזוי גערירט געווארן פון ליינען קריאת שמע, און געבעטן דעם איד זאל מיך אויסלערנען דאווענען. די לעצטע צוויי יאר אין טורמע זענען אדורך אויף מיר דערהויבן, ביז איך האב תשובה געטוהן, און דא שטיי איך פאר אייך ווען איך דערצייל אייך מיין געשיכטע".

די מלמדים און די קינדער זענען געווארן אויפגעטרייסלט. פלוצלינג האבן זיי פארשטאנען וואס עס פאסירט מיט זיי ארום צוויי יאר צוריק. יעצט איז געווען זייער רייע צו איבערראשן יוסף'ן, זיי האבן אים געוויזן אויף איינע פון די ווענט אויף וועלכע עס האבן געהאנגען בילדער פון יענעם אומפארגעסליכע רייזע. יוסף איז כמעט פאר'חלש'ט געווארן ווען ער האט אויפן צענטראלן בילד געזען באקאנטע הענט, שאקלען זיך מיט א ברען אינדרויסן פון די טורמע פענסטער. דאס זענען געווען זיינע הענט.

'לרומם' עמ' 691

## ווארטן מ'זאל ענדיגן זאגן אמן

**א. ביי די הויכע שמו"ע דארף דער ש"ץ אכטונג געבן נישט אנהייבן די קומענדיגע ברכה בעפאר רוב ציבור האבן געענדיגט ענטפערן אמן אויף די פריערדיגע ברכה, און אפילו אויב זיי זענען מאריך ביי די 'אמן' מער פון וואס עס פעלט אויס. אבער אויב רוב ציבור האט געענטפערט ווי עס דארף צו זיין און נאר א קליינער טייל זענען שטארק מאריך, דארף נישט דער ש"ץ ווארטן אויף זיי. אבער עס זענען דא וואס זאגן אז מען דארף ווארטן אויף די מיעוט אויך ווען זיי זענען זייער מאריך.**

מקורות וביאורים:

די חכמים זאגן (ברכות מז א, וברש"י שם ד"ה עד): "אין הבוצע רשאי לבצוע עד שיכלה אמן מפי העונים [אויף די ברכה המוציא וואס ער האט געזאגט], רב חסדא אמר מפי רוב העונים". ווייל עס פעלט אויס עס זאל זיך ענדיגן די ברכה המוציא בעפאר בציעת הפת, און ווייל ענטפערן אמן ווערט גערעכנט א טייל פון די ברכה, דארף מען ווארטן ביז די וואס ענטפערן וועלן ענדיגן די ווארט אמן. אבער רב חסדא האלט אז מען דארף נישט ווארטן אויף די וואס זענען מאריך צופיל ביים ענטפערן אמן. אין 'שלחן ערוך' (קסז טז) איז גע'פסק'נט ווי רב חסדא, און עס זעהט אויך אויס (קכד ט) אז דער דין פון חזרת הש"ץ איז די זעלבע ווי די ברכה מוציא, וואו דארט דארף דער ש"ץ אויך ווארטן אויף רוב. און אין 'ביאור הלכה' (שם) ברענגט ער אז אזוי האלט אויך דער פרישה, און אזוי פסק'נט: דער מהריק"ש אין הגהות 'ערך לחם' (קכח יח); 'מאמר מרדכי' (קכד יב); 'ערוך השלחן' (שם יג). אין 'משנה ברורה' (שם לז) שטייט אז דער דין איז אויך ביים זאגן קדיש, דער וואס זאגט קדיש דארף ווארטן אז רוב עונים זאל שוין ענדיגן. נאך שרייבט דער 'מאמר מרדכי' (שם. הביאו ה'ביאור הלכה' שם) אז אין א אופן וואס רוב ציבור האט שנעל געענטפערט אמן נישט ווי עס דארף צו זיין, און די מיעוט האבן געענטפערט ריכטיג, לויט אלעמען דארף דער ש"ץ ווארטן אויף די מיעוט. אבער מען דארף אנצייכענען אז דאס איז א זאך וואס טרעפט זיך נישט און מען דארף נישט אויף דעם חושש זיין.

אבער דער 'פרי מגדים' (א"א קכד טו) האלט אין די שיטה פון 'מגן אברהם' (שם טו), אז ביי די הויכע שמו"ע דארף דער ש"ץ ווארטן אויך אויף די מיעוט וואס איז מאריך צו ענטפערן אמן, ווייל דער ציבור דארף הערן די שמו"ע פונעם ש"ץ, און אויב דער ש"ץ וועט אנהייבן די ברכה בעפאר די מיעוט האבן געענדיגט ענטפערן אמן, וועלן זיי נישט הערן די אנהויב ברכה (משנ"ב שם לח). דאקעגן דעם ביי א ברכה אויף ברויט וואס מען זאגט נישט נאך א ברכה נאכדעם, דארף נישט דער בוצע ווארטן אויף די מיעוט וואס זענען מאריך ביי די אמן (ראה 'שיעורי הגרי"ש אלישיב' ברכות שם הערה פב). ווי די דעה איז גע'פסק'נט אין שו"ת מהר"מ מינץ (סי' פא) און אין 'אליה רבה' (קכח לז). דער 'ביאור הלכה' (שם) ברענגט די דעה, אבער עס זעהט אויס אז ער האט זיך מסתפק געווען אין דעם להלכה. דער 'כף החיים' (קכד נב) שרייבט אז לויטן אר"י וואס האלט אז עס איז א חוב צוהערן חזרת הש"ץ, און איר מעלה איז נאך מער פון די שטילע שמו"ע, איז זיכער אז דער ש"ץ דארף ווארטן אויך אויפן מיעוט.

ווי געזאגט, אלע האלטן אז דער ש"ץ דארף ווארטן אז רוב מתפללים זאל ענדיגן זאגן אמן, און עס איז פאסיג ציטירן וואס דער 'משנה ברורה' איז מעורר אין דעם ענין: "בעוונותינו הרבים אסאך מענטשן זענען נכשל אין דעם ווען זיי דאווענען ביים עמוד, זיי כאפן שוין די קומענדיגע ברכה באלד נאכן ענדיגן די פריערדיגע ברכה און זיי ווארטן נישט אינצווישן".

•

**ב. א ברכה וואס ווערט געזאגט צו מוציא זיין די רבים ידי חובתם, טאר נישט דער מברך אנהויבן זאגן די ברכה בעפאר דער גאנצער ציבור ענדיגט ענטפערן אמן אויף די פריערדיגע ברכה.**

מקורות וביאורים:

אזוי ברענגט דער 'מגן אברהם' (קכד טו) א ראי' פון וואס עס איז גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (קכח יח) אז ביי ברכת כהנים מעגן נישט די כהנים אנהויבן דער פסוק פון די ברכה בעפאר דער גאנצער ציבור האט נישט געענדיגט ענטפערן אמן נאכן פריערדיגן פסוק. ווייל אין א ארט וואס דער ציבור דארף הערן די ברכה, דארף דער מברך ווארטן אויך אויף דער מיעוט וואס ציהט זייער לאנג די אמן, כדי זיי זאלן אויך הערן די ברכה, און אזוי פסק'נט דער שו"ע הרב (קכד יב) און דער 'משנה ברורה' (שם לח).

## א הפסק מיט רעדן

**ג. מען זאל נישט מפסיק זיין בדיבור, אפילו איין ווארט, צווישן הערן די ברכה און ענטפערן אמן, און אויב האט מען מפסיק געווען, זאל מען שוין נישט ענטפערן אמן.**

מקורות וביאורים:

אזוי ברענגט דער 'ביאור הלכה' (קכד יא) אין נאמען פון הגהות רבי עקיבא אייגר (שם ה). און עס זעהט אויס פון זיינע רייד אז אויך אויב ער האט מפסיק געווען מיט איין ווארט, קען ער מער נישט ענטפערן אמן, כאטש עס איז נאך תוך כדי דיבור פון די סיום הברכה ('משנה אחרונה' שם אות עט), און אזוי שטייט אויך אין 'הליכות שלמה' תפילה (פרק כב אות יח). און אין 'הליכות שלמה' (שם) בלייבט ער מיט א צ"ע אויב האט מען מפסיק געווען מיט א האלבע ווארט, צ.ב.ש. ער האט פארענדיגט א ווארט וואס ער האט אנגעהויבן פריער.

**אכטונג פון אמן חטופה**





**א. ענטפערן אמן מיט א שווא אונטער די אל"ף אין אנהויב די ווארט אמן, און נישט מיט א קמץ, ווערט אנגערופן ביי די חכמים 'אמן חטופה'** (שו"ע או"ח קכד ח; 'משנה ברורה' שם כט).

דערפאר דארף מען אכטונג געבן ארויסזאגן די ווארט אמן נאר מיט די ריכטיגע נקודות, מיט א קמץ אונטער די אל"ף און א צירי אונטער די מ"ם, וואס דעמאלטס איז עס טייטש גלייבן די ווערטער פון דער מברך, און נישט מיט קיין שום אנדערע נקודות.



**ב. אויך ענטפערן שנעל אמן בעפאר דער מברך האט געענדיגט די ברכה, ווערט גערעכנט פאר א 'אמן חטופה'** (שו"ע או"ח קכד ח).

דערפאר דארף מען ווארטן און ענטפערן אמן נאר דערנאך וואס דער מברך האט געענדיגט אינגאנצן זאגן די לעצטע ווארט פון די ברכה.

# רזי אמונים

## דער חיוב פון השתדלות ביים ענטפערן אמן

### פארמערן אמן'ס בכל כוחו

די חכמים זאגן (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן", שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים', אל תיקרי 'שמר אמנים' אלא שאומרים אמן".

אין פירוש הרי"ף אויף 'עין יעקב' (שבת קיט ב) זאגט רבי יאשיהו פינטו אז אין די ווערטער "כל העונה אמן בכל כוחו" האבן די חכמים אינזין געהאט צו זאגן אז דער מענטש זאל זיך שטארקן "בכל כוחו" צו פארמערן צו ענטפערן אמנים, "נישט איינס און נישט צוויי, נאר וויפיל ער וועט טרעפן בכל כוחו צו ענטפערן אמן, זאל ער פארמערן צו ענטפערן". צוליב דעם שטייט אויך אין פסוק "שומר אמנים" - בלשון רבים, ווייל אויף דער מענטש ליגט צו אפהיטן און אפווארטן צו ענטפערן אסאך אמנים.

### אויף אמן איז מען נישט מוותר

יעדע שבת ביינאכט, ווען רבי ראובן מלמד איז אהיים געגאנגען פון שוהל צו זיין שטוב, האט ער זיך צוגעהערט, און יעדעס מאל ווען ער האט געהערט ווי עמיצער זאגט 'קידוש' אין איינע פון די הייזער, אויך אויב דאס זענען געווען די ערשטע ווערטער פון קידוש, האט ער זיך אפגעשטעלט און צוגעווארט ביזן סוף פון קידוש כדי צו ענטפערן אמן.

פאר איינעם פון זיינע באגלייטער וואס האט זיך געוואונדערט אויף דעם מנהג, האט ער ערקלערט: מורי ורבי דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין האט געזאגט "עס לוינט זיך אז א מענטש זאל קומען אויף דער וועלט, און אפילו ליידן יסורי איוב זיבעציג יאר, כדי צו ענטפערן אמן איינמאל" ('תפלת חנה' עמ' יד). וועגן דעם, ווען מען שטייט אונטער א פענסטער פון א איד'ס הויז און מען הערט אים זאגן קידוש, ווי קען מען אויפגעבן די זכות פון ענטפערן אמן? ('לרומם' עמ' 742).

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע פון די גליון 'וכל מאמינים'

און פאר די שטאב 'בני אמונים' הי"ו

איך ליין שטענדיג ענקער חשובער גליון, און איך ווער איבערגענומען פון אייער געבענטשטע אקטיוויטעטן.

עס טוט וויי די הארץ אז מען דארף בכלל מעורר זיין אויף אזא חשובע מצוה, עס טוהט וויי צו זעהן אמאל אפילו בני תורה ווייסן נישט די חשיבות פון ענטפערן אמן.

רוב טייל פון תפילה וואס די חכמים האבן מתקן געווען באשטייט פון ברכות און אמן, און איך וועל אויסרעכענען נאר אביסל פון שחרית: די דאווענען הייבט זיך אן מיט ברכות השחר; נאכדעם די פסוקי דזמרה זענען ארומגענומען מיט א ברכה פון פריער און פון נאכדעם; אזוי אויך איז קריאת שמע ארומגענומען מיט עטליכע ברכות; די הארץ פון תפילה איז די שמונה עשרה וואס איז אינגאנצן נאר ברכות, און אויך דער סימבאל פון די תפילה בציבור איז די קדיש וואס דער חזן איז מעורר דעם ציבור און בעהט זיי "ואמרו אמן" - איר גאנצע יסוד איז די 'אמן' וואס דער ציבור ענטפערט אויף דעם.

פארשטייט זיך, אז אדאנק אייך דערקענט זיך אין דעם געביט א טויש פון איין עק צום צווייטן. אבער פון אייך וויל איך בעהטן, ביטע לאזט נישט אפ, זייט מעורר מער און מער, ווייל בחסדי שמים האבן אייך די ריכטיגע כלים, די ריכטיגע צוגאנג, א אויסגעצייכנטע הסברה און בעיקר סייעתא דשמיא.

איך אליין בין זייער אסאך עוסק אין די טעמע, און איך וועל אייך מיטטיילן מיט א רמז וואס איך האב לעצטנ'ס געזאגט אין דער ענין.

אויפן פסוק (דברים ז יב): "והיה עקב תשמעון" טייטש רש"י אז די ווארט "עֵקֶב" ווערט געטייטש פון לשון עָקֵב, און איז א רמז אויף די מצוות שאדם 'דש בעקביו', ד.מ. אזעלעכע מצוות וואס א מענטש טוהט זיי גרינגשעצן. די תורה זאגט צו אויב דער מענטש וועט אפהיטן אויף די גרינגגעשעצטע מצוות, וועט ער זוכה זיין צו די שכר וואס זענען צוגעזאגט אין די פסוקים.

ווי באקאנט, די מצוה פון ענטפערן אמן צוליב דעם וואס איז גרינג צו מקיים זיין און טרעפט זיך זייער, איז איינע פון די מצוות וואס מיר טרעטן אויף זיי, און אויף דעם זאגט דוד המלך: (תהילים מט ו): "למה אירא בימי רע עון עקבי יסובני". דער וואס וועט אריינטראכטן וועט זעהן אז 'עקבי' איז בגימטריה קפ"ב, צוויי מאל אמן!

שטארקט זיך און זעהט הצלחה אין ענקער ארבעט. אמן!

מיט שעצונג

**ישי שמעון**

ירושלים עיה"ק

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### רבי שלמה קלוגער
### א' סיון תרכ"ט


מצבות אויפן אידישן בית החיים אין בראדי

רבי שלמה יעקב יוסף קלוגער איז געבוירן געווארן אין קאמאראוו אין יאר תקמ"ו, צו זיין פאטער רבי יהודה אהרן קלוגער וואס האט געדינט אלס רב פון די שטאט. נאך אלס קליין קינד האט ער אלעמען באוואונדערט מיט זיין גדלות אין תורה, און זיין פאטער האט זיך אינגאנצן איבערגעגעבן ער זאל לערנען בהתמדה.

ווען ער האט דערגרייכט צו די עלטער פון בר מצוה, איז זיין טאטע נפטר געווארן, און די מאמע האט אים געשיקט קיין זאמוטשץ, דארט האט ער געלערנט תורה ביים 'משנת חכמים'. דער דובנער מגיד וועלכער האט דעמאלט געדינט אלס מגיד אין זאמוטשץ, איז איבערראשט געווען פון זיין גרויסקייט אין תורה און פלעגט לערנען מיט אים יעדן ערב שבת אלע מדרשים אויף דער פרשה.

נאך זיין חתונה, ער אריבער וואוינען אין שטאט ראווע נעבן זיין שווער וואס האט אים צוגעשטעלט אלע זיינע באדערפענישן. אין יאר תק"ע איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט קוליקאוו, דערנאך האט ער געדינט אלס רב אין עטליכע קהילות אין גאליציע און אין פוילן.

ער האט פארפאסט אסאך חיבורים אין אלע מקצועות פון תורה. אין זיין ספר 'שו"ת ובחרת בחיים' (סי' כט) זאגט ער אויף זיך אליין עדות: "ברוך ה', איך האב הונדערט און פופצן גרויסע חיבורים אויף תנ"ך און אויף גאנץ ש"ס און פוסקים, ראשונים און אחרונים. שאלות און תשובות אן א צאל". דאס האט ער געשריבן אין יאר תר"ד, פינף און צוואנציג יאר בעפאר זיין פטירה.

ערב שבת פרשת קרח תק"פ איז ער אויפגענומען געווארן צו דינען אלס אב"ד און מגיד אין דער שטאט בראדי, וואס איז געווען א שטאט מלאה חכמים וסופרים. ל' סיון תרכ"ט איז רבי שלמה נפטר געווארן אין שטאט בראדי, און איז געברענגט געווארן לקבורה אויפן אידישן בית-עולם אין שטאט.

### דער 'עונה' איז א מצווה ועושה

חז"ל זאגן (קידושין לא א): "גדול מצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה". ד.מ. דער שכר פון דער וואס איז מקיים א מצוה וואס ער מחויב אין דעם, איז גרעסער פון דער שכר פון דער וואס איז מקיים פון זיין אייגענע ווילן א מצוה וואס ער איז נישט מחויב אין דעם. ווייל דער וואס איז מצווה ועושה פארלייגט זיך דער יצר הרע אויף אים מער שטערקער, און ער דארף זיך שטערקער שלאגן מיט אים (ריטב"א שם).

לויט דעם ערקלערט רבי שלמה קלוגער וואס די חכמים זאגן (ברכות נג ב) "גדול העונה אמן יותר מן המברך": דער וואס זאגט א ברכה פון ברכות הנהנין איז ער בגדר 'אינו מצווה ועושה', ווייל ער וואלט געקענט זיך פארמיידן פון די הנאה און דעמאלטס וואלט ער אינגאנצן נישט געדארפט זאגן די ברכה. דאקעגן דער וואס ענטפערט אמן איז ער ווי א 'מצווה ועושה', ווייל דער וואס הערט די ברכה איז מחויב מצד הדין ענטפערן אמן. דערפאר, דער שכר פון דער וואס ענטפערט אמן וואס איז ווי א 'מצווה ועושה' און דארף זיך אנגארטלען מיט שטארקייט צו קענען קעמפן אקעגן דעם יצר הרע, "יותר מן המברך" - וואס ביי א טייל פון די ברכות איז ער בגדר 'אינו מצווה ועושה' (שו"ת 'שנות חיים' קונטרס דרך החיים דרך חמישי).